# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## אחרי - קדושים

## יוֹם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

### שַׁבָּת'דיגן טַלִית

**דער** מָגֵן אַבְרָהָם ברענגט אז עס איז גלייך אז מען זאל האבן א באזונדערן שיינעם טַלִית לְכָבוֹד שַׁבָּת. **מג"א סי' ש'**

**דער** בְּאֵר הֵיטֵב ברענגט אז דער מהרי"ל האָט געהאט א באזונדערן טַלִית אויף שַׁבָּת, און מוֹצָאֵי שַׁבָּת פלעגט ער דאס אַליין צוזאמען לייגן.

**באר היטב סי' ש', ומג"א סו"ס ש**

**דער** תּוֹרַת חַיִּים ברענגט אז מען פירט זיך, אז דער שַׁבָּת'דיגע טַלִית זאל זיין שענער און מער מְהֻדָּר'דיג ווי דער וואכענדיגער טַלִית.

**תורת חיים סק"ו**

**דער** כָּבוֹד פון שַׁבָּת בייטאג דארף צו זיין מער ווי דער כָּבוֹד פון פרייטאג צו נאכט, דאס איז אויך שייך אויף די מַלְבּוּשִׁים, דעריבער איז מען מוֹסִיף בייטאג מער מַלְבּוּשִׁים, און מען טוהט אָן שַׁבָּת צופרי א שענערן שַׁבָּת'דיגן טַלִית.

**אשל אברהם מהדורא תניינא**

### בּוֹדֵק זיין דעם טַלִית שַׁבָּת

**איידער** מען מאכט די בְּרָכָה שַׁבָּת אויפ'ן טַלִית זאל מען בּוֹדֵק זיין די צִיצִית פונ'ם טַלִית, סיי ביים אנפאנג פון די צִיצִית, נעבן דעם פלאץ פונ'ם לאָך פונ'ם טַלִית ביז ווי עס איז געבונדן, און סיי די פעדעמער פון די צִיצִית, צו זעהן אויב די צִיצִית איז כָּשֵׁר, צו עס איז נישט אפגעהאקט געווארן א צִיצִית, כְּדֵי מען זאל נישט מאכן א בְּרָכָה לְבַטָּלָה.

**שו"ע או"ח סי' ח' ס"ט, ובמשנה ברורה סקכ"א שם**

### שַׁבָּת זאל מען נישט צוטיילן די צִיצִית

**שטייט** אין שֻׁלְחַן עָרוּךְ [שם ס"ז] אז יעדן טאג איידער מען זאגט די בְּרָכָה אויף דעם טלית זאל מען אפטיילן די פעדעמער פון די צִיצִית איינעם פונם אנדערן. זאגט אבער דער שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה אז שַׁבָּת זאל מען נישט אפטיילן די צִיצִית וואס זענען אביסל פארקניפט געווארן [צוליב די חֲשַׁשׁ פון 'מְנַפֵּץ'].

**שערי תשובה או"ח סי' ח' סק"ח**

**אפטיילן** די צִיצִית אום שַׁבָּת איז אָסוּר, ווייל דאס ווערט גערעכנט ווי א גְּמָר מְלָאכָה מען ענדיגט אַן ארבעט. **גן המלך סי' ס"ה**

### וואס מען דארף אינזין האבן ווען מען טוט אָן דעם טַלִית

**דער** מְחַבֵּר זאגט אז בִּשְׁעַת מען טוט אָן דעם טַלִית זאל מען אינזין האבן מְקַיֵּים צו זיין די מִצְוָה פון צִיצִית, אויך זאגט דער מְחַבֵּר אז מען זאל אינזין האבן דעם טַעַם פון די מִצְוֹת עֲשֵׂה פון צִיצִית, אז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא האָט אונז באפוילן אז מִיר זאלן זיך אֵיין-הילן מִיט צִיצִית כְּדֵי מִיר זאלן דערמִיט געדענקען אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹת [ד.מ. די מִצְוָה פון קְרִיאַת שְׁמַע] פון די תּוֹרָה זיי מְקַיֵּים צו זיין. **שו"ע או"ח סי' ח' ס"ח**

**דאס** ווארט טלית איז א לשון פון דערהויבנקייט, דורך די מצוה פון אנטוהן דעם טלית של מצוה ווערט דער מענטש גאר הויך דערהויבן, אויך דעקט מען זיך דערמיט איבער דעם קאפ, ווייל דאס איבערדעקן די קאפ מיטן טלית מאכט אינטערטעניג דאס הארץ צו השי"ת און ברענגט צו דעם מענטש צו יִרְאַת שָׁמַיִם.

**זכר דוד מ"א פס"ו, ב"ח או"ח סי' ח' ד"ה ומכסה ראשו**

**כ"ק** הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסְקוּלֶען זַצַ"ל האָט זיך געפירט אז שַׁבָּת האָט ער נישט געמאכט די עֲטִיפָה די זעלבע וועג ווי אין די וואכן טעג. ער האָט נישט איינגעהילט דעם טַלִּית אַרום זיין מויל, ווייל דאס איז א דֶרֶךְ פון אֲבֵלוּת ווי עס שטייט [ויקרא י"ג מ"ה] וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה און אום שַׁבָּת דארף מען זיך דערווייטערן פון יעדע סארט אֲבֵלוּת.

**השבת נועם הנשמות**

## הֲכָנָה לִתְפִלַּת שַׁבָּת - גּוּף נָקִי

**איידער** מען שטעלט זיך דאווענען שַׁחֲרִית, כאטש שַׁבָּת לייגט מען נישט קיין תְּפִילִין, דעסטוועגן טאר מען זיך נישט שטעלן דאווענען ביז ווילאנג זיין גוּף איז נישט אונגאנצן אויסגערייניגט.

## וואס מעג מען טראכטן אין בֵּית הַכִּסֵּא שַׁבָּת

**די** גְמָרָא זאגט [שבת מ:] אז אין בֵּית הַכִּסֵּא אדער אין בֵּית הַמֶּרְחָץ טאר מען נישט טראכטן פון קיין שׁוּם הייליגע זאך.

**דער** שלה"ק ברענגט פון סֵפֶר חֲסִידִים אז א גאנצע נָאךְ ווען מען איז אין בֵּית הַכִּסֵּא, זאל דער מענטש טראכטן וועגן זיינע אייגענע אויסגאבן און פון די אויסגאבן פון זיין שְׁטוּב.

**דער** רַבֵּינוּ יוֹנָה זאגט אז מען זאל זיך אויסלערנען רעכענען חֶשְׁבּוֹנוֹת, שַׁבָּת זאל מען אבער טראכטן פון שיינע אויסגעצירטע הייזער און שיינע פאלאצן, און פון די קעניגרייכן ווי אזוי זיי הערשן אויף דער וועלט. כָּאטְשׁ שַׁבָּת מעג מען אויך טראכטן פון גֶעלְט אויסגאבן, דעסטוועגן איז אבער א מִצְוָה אז מען זאל נישט טראכטן פון קיין שׁוּם וואכענדיגע זאך. אבער אז מען וועט טראכטן פון די קעניגרייך איז מען מְקַיֵּים דערמיט א מִצְוָה, ווי די חֲזַ"ל זאגן, אז שְׁטֶענְדִיג זאל מען לויפן אנטקעגן די גוֹי'אישע קעניגן, כְּדֵי ווען מְשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וועט קוּמֶען זאל מען זעהן דעם אונטערשייד צווישן מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ און די גוֹי'אישע קעניגן.

**של"ה שער האותיות קדושת האכילה אות ע"ב בהגה"ה**

## שַׁבָּת איז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "שֵׁ'ינָה בְּ'שַׁבָּת תַּ'עֲנוּג".

**דער** רַמָ"א [או"ח סי' ר"צ] זאגט אז אויב איז מען געוואוינט צו שְׁלָאפֶן מיטאג צייט זאל מען דאָס נישט מְבַטֵּל זיין, ווייל דאָס איז פאר אִים אַן עוֹנֶג שַׁבָּת.

**או"ח סי' ר"צ ס"א**

**דער** בַּעַל הַתַּנְיָא ברענגט אז די כַּוָּונָה איז נאר דער וועלכער איז געוואוינט צו שְׁלָאפֶן אינדערוואכן מיטאג צייט, זאל דאָס שַׁבָּת נישט מְבַטֵּל זיין ווייל דאָס איז פאר איהם אַן עוֹנֶג. **שו"ע הרב סי' ר"צ סק"ב**

**דאס** שְׁלָאפֶן אום שַׁבָּת איז א טוֹבָה פאר די נְשָׁמָה. דער האריה"ק איז געשלאפן שַׁבָּת נאכמיטאג דריי שָׁעָה. **זר זהב סי' רל"ט ס"ג**

**דאס** עִנְיָן פון שְׁלָאפֶן שַׁבָּת נאכמיטאג איז בלויז כְּדֵי דער קאָפּ זאל זיין אויסגערוהט אז מען זאל קענען נאכן שְׁלָאפֶן לערנען אום שַׁבָּת מִיט א קלאָרן מוֹחַ, דעריבער דארף יעדער אִיד זען אז מען זאל נישט פארשלאפן דעם גַאנְצְן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עס זאל נישט אוועקגיין דער שַׁבָּת מִיט גארנישט, מִיט בלויז עסן דריי סְעוּדוֹת און אָפּשְׁלָאפֶן רוֹב שָׁעוֹת פון שַׁבָּת, נאר מען דארף זעהן אז מען זאל נָאךְ האבן נאכן שְׁלָאפֶן עטליכע שָׁעוֹת צום לערנען, וואס דאָס איז דער עִיקָּר פארוואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ האָט אונז געגעבן דעם הייליגן שַׁבָּת.

## שְׁלָאפֶן שַׁבָּת - א תַּעֲנוּג

**שַׁבָּת** זענען אַלֶע הערן פון די אֻמּוֹת הָעוֹלָם אין הִימֶל פארנומען מְקַבֵּל צוּ זיין שפייז, יעדער הער איז מְקַבֵּל די שפייז פאר זיין פאלק, און וויבאלד זיי זענען פארנומען פאר זייערע מענטשן, דעריבער זענען זיי נישט מְקַטְרֵג אין די זעלבע צייט אויף די אִידִישֶׁע קינדער, דערפאר איז דאָס שְׁלָאפֶן אום שַׁבָּת א תַּעֲנוּג ווייל די נְשָׁמָה גייט דעמאלס ארויף הויך אין הִימֶל און קיינער איז נישט מְקַטְרֵג אויף אִים. **זר זהב בשם האר"י ז"ל**